# צום פינטל

גליון עד
פרשת תזריע תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פסח



### ◆ חשיבות 'משהו' חמץ

די הלכה איז אז חמץ ווערט נישט בטל, ביי אלע אנדערע איסורים איז דא 'ביטול ברוב' 'ביטול בשישים', אבער 'חמץ' ווערט נישט בטל, אפילו א 'משהו' חמץ ווערט נישט בטל. 'מן התורה' ווערט חמץ יא בטל, אבער די חכמים האבן געזאגט אז חמץ זאל נישט בטל ווערן. רש"י הקדוש זאגט די טעם, ווייל די תורה האט מחמיר געווען מיט 'בל יראה ובל ימצא', האבן די חכמים אויך מחמיר געווען אז ס'זאל נישט בטל ווערן. די עומק פון דעם איז אז חמץ איז א חשוב'ע איסור, דאס אז חמץ איז אסור צו האלטן אינדערהיים, חמץ איז אסור 'בל יראה ובל ימצא', דאס ווייזט אז חמץ איז נישט א דורכשניטליכע איסור, חמץ איז א שטארקע און חשובע איסור, וואס דאס מאכט אויך אז ער זאל נישט אזוי גרינג נתבטל ווערן.

בפשטות וואלטן מען געלערנט אז דאס וואס די חכמים האבן גוזר געווען אויף א 'משהו' חמץ, אז דאס איז סתם א גזירה פון די חכמים, די חכמים לאזן דאס נישט עסן (און אזוי איז משמע דארטן אין גמרא אין מסכת פסחים). אבער בעומק איז עס אסאך מער פון דעם, די חכמים זאגן אז א 'משהו' חמץ ווערט באמת נישט בטל, ער בלייבט קבוע און חשוב פאר זיך, די חכמים קוקן עס אן ווי א חשובע זאך וואס ווערט נישט בטל. אפילו ער פאלט אריין אין 'רוב' אדער אין 'שישים', ער ווערט אויסגעמישט מיט אסאך היתר, נאכאלץ האט די 'משהו' א חשיבות פאר זיך, ער שטייט ווי א 'דבר חשוב' וואס ווערט נישט נתבטל.

דאס איז די לשון פון תורת הבית פון די הייליגע רשב"א (ב"ד ש"א דף יז:) "דבחמץ בפסח דין הוא שיאסר כל תערובתו במשהו וכו', לפי שהוא קבוע, וכל קבוע כמחצה על מחצה דמי". די רשב"א זאגט אז 'חמץ' האט א 'קביעות' פאר זיך, אפילו די 'חמץ' פאלט אריין אין היתר ווערט ער נישט 'נתבטל', ער האט א 'קביעות' און א 'חשיבות'. 'קביעות' איז די פארקערטע פון 'ביטול', ביטול מיינט אז ער האט נישט קיין חשיבות פאר זיך, ער ווערט בטל צו די גאנצע טאפ היתר, און 'קביעות' מיינט פארקערט, אז ער שטייט פאר זיך און ווערט נישט בטל.

### ◆ 'נעגעטיוו ענטענטשין' (negative intention)

חמץ אין פסח איז נישט חשוב, די תורה האט געאסרט חמץ באכילה ובהנאה, חמץ אין פסח איז גארנישט ווערט, אבער אז

> **'חמץ' איז א הארבע איסור, וועגען דעם איז די הלכה אז אפילו א 'משהו' איז חשוב, אפילו א משהו חמץ שטייט פאר זיך, און ווערט נישט נתבטל צו די היתר**

די טראכסט אריין געשעט דורך דעם א פארקערטע זאך, חמץ בפסח ווערט גאר א חשובע זאך, ס'איז טאקע נישט חשוב ב'עצם', אבער ס'איז יא חשוב, מצד דעם וואס מ'מאכט א עסק אים צו אסר'ן, מ'מאכט אזא עסק אים מבער צו זיין. מצד דעם איז ער מורא'דיג חשוב, און דאס מאכט אז ער זאל נישט ווערן 'בטל', אז אפילו א משהו חמץ זאל אסר'ן די תערובות (עי' בפסחים 'שני דברים אינם ברשותו של אדם, ועשאן הכתוב כאילו הן ברשותו', והבן).

אין חינוך הבנים איז דא א מושג פון 'נעגעטיוו ענטענטשין' (negative intention), ווען מ'שרייט אָן א קינד באקומט ער פון דעם אליינס ענטענטשן (intention), ער פילט זיך גרויס אז מ'דארף אים אזוי אנשרייען, ער פילט זיך גרויס אז מ'איז אזוי שטארק לוחם מיט אים. ענדליך צו דעם קען מען זאגן איז חמץ, פון דעם גופא וואס מ'איז אים אזוי מבער באקומט ער א חשיבות, נישט קיין עצמות'דיגע חשיבות, אבער ער האט יא א חשיבות מכוח די עסק וואס מ'מאכט ארום אים, און דאס איז גורם אז אפילו א משהו חמץ זאל האבן א חשיבות און נישט בטל ווערן.

די גרעסטע עונש וואס מ'קען געבן פאר א קינד, אז מ'מאכט זיך נישט וויסענדיג פון אים, מ'עגנארט אים, שריי אים אן, טו וואס די ווילסט, דער עיקר מאכט די וויסענדיג. די שווערסטע זאך פאר א מענטש אז ער איז נישט קיים, ווי א עלטערע בחור האט אמאל געזאגט אז זיין שווערסטע זאך איז אז ער איז פשוט נישט קיים, ער קומט אריין אין בית מדרש קיינער באמערקט אים ניטאמאל, ער איז א 'רואה ואינו נראה'. און אוטאמאטיש ווי מער מ'מאכט זיך וויסענדיג, ווי מער מ'מאכט א מצב, געבט דאס מער און מער חשיבות, איז די מצב ארום די חמץ עס אפצו'אסר'ן, דאס געבט א חשיבות פאר די חמץ אז ס'זאל נישט קענען בטל ווערן.

באמת וועלט מען געקענט זאגען נאכמער, פון דעם וואס מ'פארלייגט אזוי סאך כוחות מבער צו זיין די חמץ, דאס ווייזט אז ס'האט אויך א אמת'ע חשובות, א חשיבות פון די צד הקליפה, און טאקע וועגן דעם דארף מען אזוי לוחם זיין מיט אים, במחשבה דיבור ומעשה, מיט די גאנצע כח, 'בבל יראה ובל ימצא' וכו'. אלעס וועגען די חשובות פון די קליפה וואס הייסט 'חמץ', און וועגן דעם האט עס א חשיבות אז אפילו א משהו ווערט נישט בטל. ענדליך צו עבודה זרה וואס דייקא ווייל 'עבודה זרה' איז אזא שטארקע איסור, אזא שטארקע קליפה, האט די תורה געדארפט אזוי שטארק לוחם זיין אנטקעגען דעם, און וועגן דעם איז עבודה זרה אסור אפילו במשהו, ווייל די איסור איז א שטארקע און חשובע איסור.

### ◆ ברעקלעך חמץ אין די 'רעזעווארן' (Reservoir)

ס'איז באקאנט די שאלה צו מען מעג טרינקן וואסער פון די סינק אין פסח, די וואסער קומט דאך פון די רעזעווארן (Reservoir), און מ'ווייסט אז מענטשן

המשך בעמוד הבא

ווארפן דארטן אריין חמץ אין פסח, חמץ אין פסח ווערט דאך נישט בטל, ווי אזוי מעג מען טרינקען פון די וואסער אין פסח, ס'איז דאך אריינגעמישט דארטן חס ושלום א משהו חמץ. באמת איז די שאלה נאך געווען אינדערהיים אין אייראפע, צו מען מעג שעפן וואסער אין פסח פון די טייכן און פון די ברינענס, בפרט אז מ'האט געוויסט אז די גוים ווארפן דארטן אריין במזיד, די גוים האבן זיך דוקא געוואלט טשעפענען מיט די יודן. און וועגען די שאלה איז דא אסאך פלעצער ווי מ'פירט זיך אז מ'שטעלט וואסער פון פאר פסח, אזוי זאל די חמץ בטל ווערן ווען ס'איז נאך מותר און ס'קען בטל ווערן בשישים.

מעיקר הדין אבער זאגן די פוסקים אז מ'קען טרינקען די וואסער פון די סינקס, און די וואסער פון די טייכן, ווייל אביסלע חמץ אין אזעלכע גרויסע טייכן, בפרט אז די וואסער איז מחובר לקרקע, אזא משהו חמץ האט נישט קיין שום חשיבות, עס ווערט אפילו נישט פאררעכנט ווי א 'משהו', ס'איז ניטאמאל א משהו (מהרש"ג או"ח סימן יד כתב כיון דהמים מחוברים, ובהליכות שלמה מרשז"א דאין לו חשיבות משהו).

זעט מען פון דעם אז איסור חמץ ב'משהו' איז פשט, אז די חמץ האט א חשיבות און אפילו א 'משהו' איז חשוב, אבער א 'משהו' אין א טייך וואסער, אין א טייך וואס איז מחובר לקרקע, דאס האט נישט קיין חשיבות. וואס דאס איז א שטיקל סמך צו די יסוד אז איסור חמץ במשהו, אז חמץ ווערט נישט בטל, דאס איז מכוח די חשיבות זיינער.

### קבוע וחשוב ואינו מתבטל

אין יורה דעה איז דא אסאך זאכן וואס ווערן נישט בטל, 'בריה', 'דבר חשוב', 'דבר שבמנין', וואס זייער 'חשיבות' מאכט אז זיי זאלן שטיין פאר זיך און נישט 'נתבטל' ווערן. אין די לשון הפוסקים ווערט עס אנגערופן 'קבוע', 'קבוע דאורייתא' אדער 'קבוע דרבנן', 'קבוע' מיינט אז ער בלייבט 'קבוע' פאר זיך, ער בלייבט חשוב און אפגעטיילט פון די היתר אין וואס ער פאלט אריין, ער לאזט זיך נישט נתבטל ווערן.

די זעלבע זאך איז א 'משהו חמץ', מכח די הארבקייט פון חמץ אז ס'איז 'בבל יראה ובל ימצא', איז 'חמץ' זייער א חשובע איסור, און ער ווערט נישט נתבטל אין די היתר, ער בלייבט קבוע און חשוב פאר זיך. ער איז אין כלל פון די אלע דברים חשובים וואס ווערן נישט בטל, און ער ווערט אויסגערעכנט אין יורה דעה סימן ק"י צווישן די דברים חשובים וואס ווערן נישט נתבטל, ער מיט עבודה זרה און נאך פארשידענע זאכן.

און דאס איז די יסוד אז 'נותן טעם לפגם' איז אסור פסח לויט די רמ"א אין סימן תמ"ז. געווענטליך איז די כלל אז 'נותן טעם לפגם' אסר'ט נישט, ווייל א פגומ'דיגע זאך האט נישט קיין חשיבות, א פגומ'דיגע איסור איז ארויס 'מאכל' און ארויס 'איסור', ער האט נישט קיין שום חשיבות. אבער חמץ אין פסח וואס איז אזוי הארב און אזוי חשוב אז אפילו א 'משהו' איז אסור, איז דאס אויך חשוב אז אפילו ווען ס'איז פגום איז עס חשוב.

ס'איז דא א גרויסע מחלוקת (ט"ז יו"ד סימן צב סוף סק"ז, ונקודות הכסף שם, ועי' בשועה"ר סימן תמז טז) צו 'תרי משהו' איז מותר ביי חמץ, א חתיכה וואס האט באקומען א 'בליעה' פון א משהו, און ס'מישט זיך אריין אין א פרישע תערובות, ס'איז דא וואס זענען עס מתיר, ווייל אפילו א 'משהו' איז טאקע אסור, אבער 'תרי משהו' איז שוין יא מותר. דער חזון איש (אורח חיים סימן לד) איז מסביר אז די מתירים האלטן אז 'תרי משהו' איז נישט חשוב, די חכמים האבן טאקע גע'אסר'ט א 'משהו' חמץ, א משהו חמץ האט א חשיבות און א קביעות, אבער 'תרי משהו' דאס איז שוין נישט חשוב, דאס ווערט יא 'בטל'.

איז צוריק צו די שאלה פון די רעזיווארס וואס ס'פאלט דארט אריין חמץ, ווי געשמועסט זענען די פוסקים דאס מקיל מעיקר הדין, ווייל א משהו חמץ אין א ים וואסער איז אפילו נישט בגדר משהו, ס'איז גארנישט. און אפילו מ'פאסקנט אז 'תרי משהו' איז אסור, איז דאס ווייל 'תרי משהו' האט נאך עפעס א חשיבות, אבער א ברעקל אין א ים וואסער האט נישט קיין שום חשיבות און עס ווערט בטל (כן איתא בהליכות שלמה מרשז"א כנ"ל).

די יסוד איז ווי געשמועסט אז אלעס דרייט זיך אויף די חשיבות פון די חמץ, 'חמץ' איז א הארבע איסור, וועגן דעם איז די הלכה אז אפילו א 'משהו' איז חשוב, אפילו א משהו חמץ שטייט פאר זיך, און ווערט נישט נתבטל צו די היתר. אבער דאס אלעס ווען ס'איז כאטשיג א 'משהו', אדער כאטשיג 'תרי משהו', אבער אויב ס'איז ממש א פיצעלע ברעקלע אין א טייך וואסער, דאס איז שוין נישט בגדר 'משהו' אויך נישט, דאס האט שוין זוכער נישט קיין שום חשיבות, דאס איז גארנישט, דאס ווערט שוין יא בטל.

### ניכר ונראה וחשוב

א גלח האט אמאל געפרעגט פון רבי ר' יונתן, די תורה זאגט 'אחרי רבים להטות', די יודן וואלטן זיך געדארפט מבטל זיין צו די רוב גוים ח"ו. איז דער רבי ר' יונתן ארויסגעגאנגען אין גאס, און אנגעהויבן פארנערן די גוים אז ער זעט מלאכים פליען, נישט לאנג האט געדויערט און צענדליגע גוים האבן זיך געשוואוירן אז זיי זעהן מלאכים, האט ר' יונתן געוויזן פארן גלח, זעסטו ווי מ'קען פארנערן הונדערטע מענטשן מיט א גארנישט. און די עומק איז אז 'רוב' רעכנט זיך נישט לויט די 'כמות', רוב רעכנט זיך לויט די 'איכות'.

די הלכה פון 'אחרי רבים להטות' זאגט אז בית דין הגדול זאל זיך צוזאם ציילן און גיין לויט 'רוב'. יעדער פארשטייט אז ווען 'בית דין' ציילט זיך צוזאם, גייט מען נישט גיין פרעגן סתם 'עמך' יודן, מ'פרעגט נאר פון די חכמים וואס זיצען דארט אין די וועד פון בית דין, נאר זיי גייען אריין אינעם 'רוב', דאס הייסט אז מ'קוקט אויף 'רוב' לויט די 'איכות', נישט לויט די 'כמות'.

און מיט דעם וועט מען גוט פארשטיין פארוואס א 'דבר חשוב' קען זיין שטערקער ווי רוב, א 'דבר חשוב' ווערט נישט בטל ברוב. ווייל א איסור וואס איז חשוב, מיינט אז דאס איז א איכות'דיגע חשיבות, און דאס איז שטערקער ווי 'רוב' וואס איז נאר א כמות'דיגע חשיבות. א 'דבר חשוב', 'בריה', 'דבר שבמנין', 'קבוע', די אלע זאכן האבן א איכות'דיגע חשיבות, וואס מאכט זיי שטערקער ווי די 'רוב' אין כמות.

און מיט דעם קומער צוריק צו חמץ און יין נסך, מכוח זייער הארבקייט האבן זיי א חשובע 'איכות', וואס די 'איכות' מאכט זיי שטערקער ווי די 'כמות' פונעם רוב, וועגן דעם ווערן זיי נישט בטל ברוב, אפילו א משהו חמץ אסר'ט די תערובות.

און דאס איז אויך די סוגיא פון 'מעמיד', א 'מעמיד' ווערט נישט בטל (דיני מעמיד עי' באריכות בשועה"ר סימן תמ"ב סעיף י'). אלץ איז די יסוד וואס מ'האט גערעדט אז א איכות'דיגע חשיבות איז שטערקער, א 'מעמיד' האט א איכות'דיגע חשיבות, וואס איז חשוב'ער ווי די כמות'דיגע חשובות פון 'רוב', און אויב ער איז חשובער, ווערט ער נישט נתבטל צו די רוב, ער שטייט פאר זיך און ער אסר'ט די גאנצע תערובות.

### חשיבות החמץ

און דאס איז די מלחמה און די עבודה הגדולה צו מבטל זיין די חמץ, חמץ איז א שטארקע איסור, חמץ האט אסאך חשיבות, וועגן דעם דארף מען עס מבטל זיין, מ'דארף עס אויסרייסן. 'ביטול' מיינט אז מ'איז מבטל זיין 'חשיבות', ער גיבט מער נישט אכטונג אויף דעם, ער עגנארט (ignore) די חמץ, כאילו די חמץ

## ערדציטערניש

א ערדציטערניש איז א פלוצלינגדיגע ערשיינונג ווי די ערד שאקעלט זיך, ריזיגע לענדער ווערן אויפגעשאקלט און אויפגעטרייסלט אויף איינמאל, על פי רוב געשעט עס ביי די שפאלטענעס פון די 'פלעיטס', און די לענדער וואס זענען ביי שפאלטענעס ווערן די מערסטע עפעקטירט. די 'ערד קוגל' איז נישט איין גרויסע שטיק ערד, זי איז א צוזאמשטעל פון עטליכע פלאטעס (לוחות), און ווען צוויי פלאטעס רייבן זיך איינער אין די אנדערע געשעט ערדציטערנישן.

די שורש פון א ערדציטערניש איז די שטארקע פרעשיר און היץ וואס איז דא אין הארץ פון די 'ערד קוגעל', פון פיל פרעשיר (pressure) ווערט דארטן אלעס צולאזט, און ווען די פרעשיר (pressure) נעמט זיך צוזאם ביי די שפאלטענעס פון די פלעיטס, שיסט עס ארויס מיט א מורא'דיגע כח און שאקעלט אלעס אויף. בעצם זאמעלט זיך די פרעשיר יארן יארן, יארן וואס די פרעשיר נעמט זיך צוזאם, נאר ווען ס'איז 'כלו כל הקיצים' רייסט עס אויף (צומאל קען די פרעשיר מאכן אפילו נייע שפאלטענעס). אויך די ריזיגע וואלקענאוס (volcanoes), די הייסע טבעיות'דיגע וואסערן, און נאך אסאך זאכן, וואס אלעס קומט פון די פרעשיר פון אונטער די ערד, און זיי קומען ארויף אויף די אויבער פלאך אויף פארשידענע וועגן.

## יסוד האש שב'עפר'

א ערדציטערניש איז א משל אויף מידת הכעס, ס'קאכט פון אונטען און ס'רייסט זיך אויף פון אויבן, פון אונטען זאמעלט זיך אן פרעשיר (pressure), און לויט ווי סאך פרעשיר (pressure) ס'איז אנגעזאמעלט, אזוי קומט ארויס די אויפרייס.

די זעלבע ארבעט עס אויך ביי מידת הכעס, יארן לאנג זאמעלט זיך היץ היץ איינער אויפן צווייטן, און לויט ווי סאך היץ ס'איז אנגעזאמעלט, אזוי קומט ארויס די אויפרייס. אזויווי די וואלקענאוס (volcanoes) וואס רייסן זיך אויף מיט א נישט נארמאלע קראפט, און מאכן חרוב גאנצע שטעט און מדינות, אזוי אויך צומאל קען זיין א כעס וואס זאל אזוי אויפרייסן און שפייען פייער, אז ס'זאל חרוב מאכן גאנצע שטעט און מדינות.

באמת דער ירושלמי (ברכות פ"ט הל' ב') שטעלט שוין צו א ערדציטערניש צו די מידה פון 'כעס', דער ירושלמי זאגט אז א ערדציטערניש קומט פון א כעס דלמעלה כביכול, דער אייבישטער איז כועס אויף די טעאַטערס (Theatrics) פון די גוים, די טעאַטערס זענען אויפגעבויט, און דער 'בית המקדש' ל"ע איז חרוב, דער אייבישטער כביכול איז כועס אויף 'עוברי רצונו'. אבער דא לאמיר זען וואס א ערדציטערניש לערינט אונז, וואס אונז קענען ארויסלערנען אויף אונזערע שווערע מידות, די שווערע מידות פון 'כעס' וואס אונז דארפן ארבעטן.

ס'איז דא פיר יסודות, 'אש מים רוח עפר', 'אש' האט די שטערקסטע תנועה אויף ארויף, 'מים' האט די שטערקסטע תנועה אויף אראפ, 'רוח' איז דער סימבאל פון 'תנועה' בכלל, און 'עפר' איז דער סימבאל פון היפך תנועה, א 'דומם' אָן קיין תנועה בכלל. ביי א ערדציטערניש ווערט נתגלה אז אויך דער 'עפר' האט א כח התנועה, טאקע נישט די עפר אליינס, דער עפר אליינס איז א 'דומם', אבער די כח האש וואס איז באהאלטן אין די עפר, וואס ער קען קען צושאקלען די גאנצע 'עפר' און מאכן א ערדציטערניש.

די 'חכמי העולם' זאגן אז א קליינע ערד ציטערניש איז א טובה, ווייל אזוי קומט דער היץ ארויס צוביסלעכווייז, ס'מאכט נישט אָן קיינע חרבונות. אויב די היץ און די פרעשיר (pressure) זאמעלט זיך אָן, דאן שיסט עס אויף אויפאיינמאל און מאכט אן מורא'דיגע חרבונות, אבער אויב ס'קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף א קליינע פארנעם, איז עס אויף א וועג וואס איז אויסצוהאלטן. ממש די זעלבע זאך איז ביי מידת הכעס, ס'איז גאר וויכטיג פאר א מענטש ארויסצוגעבן זיין ווייטאג מזמן לזמן, כדי ס'זאל זיך נישט אנזאמלען איבער די כוחות, וואס דעמאלטס שיסט עס ארויס אויף אזא וועג אז ס'איז נישט צו דערהייבן.

## מיסעלס און באמבערס

ביי א ערדציטערניש ווייסט מען אז ס'איז דא דרגות, ס'ווערט אנגערופן 'סולם ריכטער', ס'מעסט די שטארקייט און די שוואכקייט פונעם 'ערדציטערניש'. מידת הכעס איז די זעלבע זאך, ס'איז דא א שטארקע כעס, און ס'איז דא א שוואכע כעס, און ס'איז דא א וואג שאל פון איינס ביז צען, די ערשטע דרגא וועט זיין א קליינע כעס וקפידה, און נאמבער צען וועט זיין א שטארקע כעס, און אזוי די אנדערע דרגות אינצווישן.

די שטערקסטע קראפט, די שטערקסטע כח התנועה איז כעס, א כח האש וואס איז באהאלטן גאר גאר טיף אין דעם גוף, פון אויבן קוקט אויס אז דער גוף איז זייער רואיג און באזעצן, אבער באמת זייער אסאך מאל קאכט עס דארטן אוועק, און מזמן לזמן נאך יעדער שטיק תקופה שיסט ער זיך אויף.

מ'ווייסט אז די קראפט פון אלע כלי מלחמה איז דורך אזעלכע סארטן כוחות, דורך די כוחות פון התפרצות, למשל 'מיסעלס' (missiles) ארבעט אז ס'שיסט אויף פון אונטען, וואס דאס געבט א מורא'דיגע שטיפ און ס'פליט מיילען ווייט. אויך 'בולעטס' און 'טאנקן' ארבעטן אויף אזא וועג, די וועג וויאזוי ס'שיסט ארויס איז דורכן אויפשיסן מיט א התפרצות, וואס דאס שטיפט די זאך פון פאראויס.

די כח פון כעס איז א מורא'דיגע קראפט, דער מענטש שטיפט ארויס א מורא'דיגע ענערגיע, אבער מ'דארף וויסן ווען און וויאזוי עס צו נוצן. און צומאל איז וויכטיג אז מ'האט איבעריגע ענערגיע אין זיך, זאל מען זען עס ארויסצוגעבן ערגעץ ווי, אזוי אז ס'זאל נישט צו קומען צו א מצב פון עקספלאודירן (explosion). צומאל איז דא בחורים וואס האבן א 'עודף' פון ענערגיע (energy), דארף מען וויסן די וויכטיגקייט עס ארויסצוגעבן, אויב נישט קען זיך עס אנזאמלען און עקספלאזען (explosion) און ארויסקומען נישט אויף די גוטע וועג און נישט אין די גוטע פלעצער.

ס'איז אונטערסאנט אז דוקא מענטשן וואס זענען

**א ערדציטערניש איז א משל אויף מידת הכעס, ס'קאכט פון אונטען און ס'רייסט זיך אויף פון אויבן, פון אונטען זאמעלט זיך אן פרעשיר (pressure), און לויט ווי סאך פרעשיר (pressure) ס'איז אנגעזאמעלט, אזוי קומט ארויס די אויפרייס**

המשך בעמוד הבא

# ענינים



אראפגעשלעפט מיט א שווערע גוף וכדומה, זיי וועלן זיך צומאל מער אויפרעגן, און די סיבה איז ווייל 'כעס' האט א מורא'דיגע תאוה, ס'שלעפט ארויס פון כבידות. אויפן מינוט איז עס א מורא'דיגע תאוה, אויפן מינוט לעבט עס שטארק אויף דעם מענטש, אבער נאכדעם זעט מען זיך ארומגענומען מיט אלע חרבונות. דארף מען האבן שכל און מיט גיין מיטן גוף, נוצן די 'עודף' פון ענערגיע פאר גוטע פראדאקטיווע זאכן, אז מ'זאל נישט שפעטער חרטה האבן, אז די ענערגיע האט אויפגעשאסן און געגאנגען צו נישט גוטע פלעצער.

## אימתי יהיה רעידת אדמה

א 'ליקוי חמה' קען מען אויסרעכענען, מ''ווייסט די מהלך פון די כוכבים ומזלות, אבער א ערדציטערניש קען מען נישט אויסרעכענען. די חכמי העולם פראבירן גאר שטארק צו קענען אויס'חשבונ'ן א ערדציטערניש פון פאראויס, אבער זיי האלטן היבש אונטערשטעליג, לעת עתה איז נישט דא אינדעם קיין שום קלארע מהלך. דער ערדציטערנישט קומט זיך אָן אומגעריפען, און אין ווינציגער ווי א מינוט זייט ער אָן א חורבן נורא ואיום, ער אליינס ווערט איינס צוויי נעלם פונעם שטח, אבער ער לאזט אונז איבער אזעלכע נאכווייען, הויפענעס פון חרבונות. און קוים צוביסלעך דער מענטשהייט איז זיך מסדר, מ'מיינט מ'האט שוין גענדיגט די נאכוויען, און פלוצלינג 'אודך', דער 'ערדציטערניש' איז ווידער דא.

פונקט די זעלבע זאך איז ביי מידת הכעס. מיט די מידת הכעס קען מען נישט אויסרעכענען, כעס קומט פון אנגעזאמעלטע היץ און פרעשיר, און ערגעץ ווי האט איינער אים וויי געטון, איינער האט אים געמאכט עפעס א לאך, הייבט אן פון דארטן ארויסצושוסן הייסע לאַוואַ (lava), די פרעשיר אינדערווייניג איז ארויס פון קאנטראל, ס'געבט זיך א צושיס אויף א נישט נארמאלע אופן.

א ערדציטערניש ווערט אנגערופן אין פסוק 'רעש', ווי די פסוק זאגט אין זכריה (יד ה) 'מפני הרעש', ווייל נישט נאר די ערד ווערט אויפגעציטערט, אויך די גאנצע לופט ווערט אויפגעציטערט, די חכמי העולם זאגן אז מער היזקות קומט פון די לופט וואס ווערט אויפגעציטערט, די צוטרייסעלטע לופט קראכט אריין אין די הויכע בנינים אריין, און צוטרייסלט די בנינים. וואס דאס איז אויך דא ביי כעס, די גאנצע לופט ווערט אויפגעשאקלט, און שאקעלט אויף אלע פעסטע מענטשן ארום ארום, אלעס ווערט צוטרייסלט.

ביי א ערדציטערנישט ליידן בעיקר די הויכע בנינים, ווי העכער א בנין איז, אלץ מער פילט מען דארט די ערדציטערנישט. א בנין וואס איז גראנדעט (grounded) פילט נישט אזוי שטארק די ערד צוטערניש, ווי העכער די גייסט פילט עס שטערקער די רעש אינעם בנין.

ס'איז דא שווערע טעג, ס'איז דא אסאך אויפטרייסלונגען אין די וועלט, זמנים פון מלחמות און מגפות, די כלל איז אז ווי גרעסער דער מענטש איז, ווי מער ער האלט פון זיך, אלץ מער וועט ער צופאלן אין א שלעכטע צייט, און פארקערט ווי מער בענוה דער מענטש וועט זיין, ווי מער גראנדעט (grounded) מ'איז, אלץ ווייניגער זענען די פאליטעטן.

# פסח



איז נישט קיים, באמת איז ער נאך קיים, אבער אין זיינע אויגן האט ער אפגעמאכט אז די חמץ איז נישט קיים, די חמץ האט נישט קיין שום חשיבות, ס'איז בטל כעפרא דארעא'.

אין סימן תמ"ב איז דא פארשידענע הלכות פון מבטל זיין די חשיבות פון די חמץ, די סוגיא פון 'כיפת שאור שיחדה לישיבה' איז געבויט אויף דעם, אויב מ'איז מייחד די 'כיפת שאור' צו זיצן און מ'מאכט אויך א מעשה אין דעסא, מיט דעם איז מען מבטל די חשיבות פון די חמץ. אויך די סוגיות פון 'בצק שבסדקי עריבה' האט צו טון מיט דעם, ווען ווערט די חמץ 'בטל' צו די עריבה און ווען נישט, אויב איז עס 'בטל' צו די עריבה פארלירט עס די חשיבות פון א מאכל, ס'ווערט א חלק פון די עריבה, און אויב איז עס נישט בטל צו די עריבה, בלייבט ער א מאכל פון חמץ.

אויך 'נוקשה', 'תערובת חמץ', 'נפסל מאכילת אדם', 'נפסל מאכילת כלב', אלע זאכן האבן צו טון מיט 'חשיבות', ווען ס'פארלירט די חשיבות מאכל, יעדער זאך האט זיך זיין דרגא וואס ער פארלירט אין חשיבות מאכל, און מיט דעם גייט מיט זיינע הלכות.

סוף סימן תמ"ב איז דא די הלכה פון 'אחשבינהו', אז אפילו א מאכל וואס איז 'פגום לגמרי', נאכאלץ טאר מען עס נישט עסן, ווייל מיט דעם וואס די עסט עס, ברענגסטו צוריק די חשיבות פון די חמץ. מן התורה איז מותר עס צו עסן, ווייל פאר 'רוב וועלט' איז עס נישט חשוב, אבער מדרבנן איז עס אסור, ווייל אין דיינע פרטיות'דיגע אויגן איז עס פאררעכנט כאילו ס'וואלט נישט געווען 'פגום' (ועכ"פ מדרבנן).


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** מצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com


עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+